בס"ד

בחינת בגרות קיץ תשע״ה

# בית ספר בית חנה

# קרית צאנז

# מבחן בגרות בייִדיש

ערך השאלון : **2 יח״ל**

סמל מבחן570201 :

משך הבחינה : 2 שעות ו15 דקות

מבנה השאלון : בשאלון ארבעה חלקים :

| | |
|---|---|
| חלק א׳ – אַנסין+שאלות | 50% |
| חלק ב׳ – ליטעראַטור - ספרות שאלות | 30% |
| חלק ג - גראַמאַטיק / דקדוק | 20% |
| חלק ד׳ – באָנוס השלמת שיר | 5% |
| 100% | |

חומר עזר : מילון ייִדיש- עברית. עברית –ייִדיש.

הקפידי על כתב ברור ונקי ועל כללי הניקוד

כתבי בעט בלבד. אין למחוק בטיפקס.

הערה : נישט צולייגן קיין בלעטער, נאָר אַרייַנשרייַבן אין דעם פּרעגבויגן גופא.

זאָל זייַן מיט הצלחה!

## חלק א' – לייענען דעם טעקסט –אַנסין   50 נקודות

### ווי אַזוי זענען ייִדן געוואָרן ברײַערס?

**1**

פֿון וואַנען האָבן זיי געקענט דעם פֿאַך[1]? ווער האָט זיי אויסגעלערנט צו ברײַען אַז זייערע אַבֿות-אַבֿותיהם האָבן פֿון דעם קיין מאָל נישט געהערט? די באַשעפֿטיקונג[2] האָט איז זיך אָנגעהויבן אין 16-טן יאָרהונדערט און שנעל אַנטוויקלט[3]. אין זיבעצטן און אַכצעטן יאָרהונדערט זענען ייִדן שטאַרק געווען אַרײַנגעטאָן אין אויסאַרבעטן און האַנדלען מיט ביר, וואָדקע, משקה, יין-שׂרף און אַנדערע שאַרפֿע געטראַנקען.

לויט דעם צענזוס[4] פֿון ייִדן אין 1764-1765, זענען 80 פּראָצענט פֿון די ייִדן אין די שטעטלעך און 14 פּראָצענט אין שטעט געווען באַשעפֿטיקט מיט די אַקטיוויטעטן[5].

די היסטאָריקערס דערקלערן אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע שינוים אין פּוילן און ליטע.

**2**

איינע פֿון די סיבות איז אַז דער פּרײַז פֿון ביר און משקה איז געוואַקסן שנעלער ווי פֿון תּבֿואה, צוליב דעם האָט מען אָפּגעגעבן אַ גרעסערע  פּראָפּאָרציע פֿון זייער קערל[6]–שניט צו דער פּראָדוקציע[7] פֿון אַלקאָהאָל.

אַ צווייטע  סיבה איז אַז אַלקאָהאָל קען אויספֿאַרקויפֿט ווערן געשווינדער און לײַכטער ווי תּבֿואה.

דערצו האָבן די אַרענדאַרן געהאַלטן די פּראָפּינאַציע-מאָנאָפּאָל אויף פּראַדוצירן און האַנדלען מיט אַלקאָהאָל.

---

[1] אמנות,מלאכה
[2] תעסוקה
[3] תפתח
[4] מפקד
[5] עסוקים
[6] קציר
[7] יצור

דאָס מיינט אַז פּויערן האָבן נאָר געמעגט קויפֿן ביר און מאַשקע בלויז בײַם ייִדישן אַרענדאַר און עס איז זיי אויך געווען פֿאַרבאָטן צו [8]אימפּאָרטירן פֿון די אַרומיקע געגענט.

אַזוי אַז די קרעטשמעס האָבן פֿאַרזיכערט צו צושטעלן אַ פֿעסט מקור פֿון הכנסה פֿאַרן פּריץ – דער באַלעבאָס פֿון דעם רכוש.

כאָטש די קירכע איז פֿון דעם נישט געווען צופֿרידן, האָבן  זיי נישט געקענט אויספּועלן צונעמען דעם מאָנאָפּאָל פֿון ייִדישע הענט, ווײַל די פּריצים האָבן געהאַלטן אַז די פּויערים זענען נישט גענוג פֿעיִק צו דער אַרבעט  און זענען נוטה צו שיכּורן זיך.

דערצו זענען ייִדן געלערנטע, קענען האַלטן אַ חשבון און זענען אויך גרייט צו באַצאָלן בעסער.
נישט תּמיד האָט זיי דער מזל געשײַנט.
אַן הסכּם האָט מען געשריבן פֿאַר אַ צײַט פֿון דרײַ יאָר. דער אַרענדאַר האָט טייל מאָל אויך געמוזט צושטעלן צו דער רשימה זײַנע קינדער אָדער ווײַב אין פֿאַל די תּנאים זענען נישט אָפּגעהיט געוואָרן.

דער אַרענדאַר האָט אויך געקליבן די [9]שטײַערן פֿאַרן פּריץ. ייִדן פֿלעגן פֿאַרקויפֿן ביר און וואָדקע אויף קרעדיט און ווען דער פּויער האָט שוין נישט געהאַט צו אויסצאָלן זײַן חובֿ האָט מען בײַ אים צוגענומען זײַן רכוש.

דער פּויער האָט אַלץ פֿאַרלוירן אָבער דער ייִד איז געווען דער קרבן.

3

מיר פֿרעגן זיך אָבער ווידער פֿון וואַנען האָבן זיי געקענט דעם פֿאַך?

ווער האָט זיי אויסגעלערנט צו ברײַען אַז זייערע אָבֿות-אָבֿותיהם האָבן פֿון דעם קיין מאָל נישט געהערט?

כּ״ק מרן אַדמור זי״ע האָט דערציילט אַז ער האָט געהאַט געהערט פֿון זײַן טאַטן רבה״ק פֿון רודניק זי״ע, אַז ווען מע האָט אַרויסגעטריבן די ייִדן פֿון שפּאַניע האָבן זיי געוואַנדערט אויף דער וועלט נישט וויסנדיק פֿון וואַנען וועלן זיי ציִען חיונה און וווּהין צו גיין .

וואָס טוט אַ ייִד?

ער ווענדט זײַנע אויגן צום באַשעפֿער און שרײַט גוואַלד.

און אַזוי ווי לא אַלמן ישׂראל, איז אַראָפּ אַ צעטעלע פֿון הימל, וווּ עס איז געשטאַנען פֿאַרשריבן וווּהין צו ווענדן די טריט- קיין פּוילן, כּי פּה לין השכינה און ווי אַ [10]צוגאָב, דעם

[8] יבוא
[9] מס

אופֿן צו אויסאַרבעטן בראָנפֿן און שנאַפּס פֿון תּבֿואה, קאַרטאָפֿל, וויַין, דורך בריַיען און איַינזאַפּן די [11]פּאַרע.

אַ נײַע שיטה וואָס איז נאָך נישט באַקאַנט געווען אויף דער וועלט.

און מיט דער השגחה-פּרטית האָט עס שטאַרק אויפֿגענומען ביַי די פּויערים.

פֿון דעם האָבן ייִדן געשעפּט פּרנסה ברווח און בכּבֿוד.

חסידישע מקורים וויַיזן אָן אַז אַ טראָפּן משקה דינט ווי אַ רפֿואה און די סיבה איז אַז עס איז אַראָפּ פֿון הימל, וויַיל פֿריער ווערט עס נישט דערמאָנט אין קיין שום ספֿר-קודש.

ייִדן האָבן אָבער קיין מאָל זיך נישט געשיכּרט.

<u>פֿון אַ ייִדיש ליד:</u>

<u>דער ייִד און דער גוי</u>

גייט אַ גוי אין שענקל אַריַין

טרינקט ער אויס אַ גלעזעלעו וויַין.

אוי, אוי, אוי!

שיכּור איז אַ גוי!

שיכּור איז ער

טרינקען מוז ער

וויַיל ער איז אַ גוי.

גייט אַ ייִד אין בית-המדרש אַריַין

כאַפּט ער אַ קדושה, אַ בָּרְכוּ אַריַין

אַ מנחה אריַין, אַ מעריבֿ אריַין.

אוי, אוי, אוי

[12]ניכטער איז אַ ייִד

ניכטער איז ער

דאַוונען מוז ער

---

[10] תוספה

[11] אדים

[12] פכה

ווײַל ער איז אַ ייִד.

גייִט אַ גוי פֿון שענקל אַרויס

שלאָגט ער און פּאַטשט פֿאַר ייִדעלעך אויס.

אוי, אוי, אוי!

שיכּור איז אַ גוי!

שיכּור איז ער

שלאָגן מוז ער

ווײַל ער איז אַ גוי.

גייט אַ ייִד אין צום רבין אריַין

כאַפּט ער אַ דרשה, אַ זמר אַריַין

אַ ניגון אַריַין, אַ טענצל אריַין.

אוי, אוי, אוי

ניכטער איז אַ ייִד

ניכטער איז ער

זינגען מוז ער

ווײַל ער איז אַ ייִד.

## ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס צום אויסקלײַב 5/6

1. אָנשרײַבן אַן אונטערקעפּל אויף די דרײַ פּאַראַגראַפֿן פֿונעם טעקסט.
2. וואָס איז דער חילוק צווישן דער היסטאָרישער און ייִדישער דערקלערונג ווי אַזוי ייִדן זענען געוואָרן ברײַערס?

________________________________________________________________

________________________________________________________________

________________________________________________________________

____________________________________________________________

3. וואָס איז דער חילוק צווישן ייִדן און גוים? לויט די פּריצים און לויטן ליד?

4. ווי אַזוי זעט מען די השגחה-פרטיות אַז ייִדן האָבן פֿאַבריצירט און געהאַנדלט מיט בראָנפֿן?

5. טײַטשן אויף לשון-הקודש די 10 ערשטע שורות-

6. דערקלערן די פֿאָלגנדיקע באַגריפֿן:

א. קירכע

פראָפּינאַציע

פויערים

7. אָנשרײַבן אַ שמועס צווישן דעם אַרענדאַר און דעם פּריץ ווען דער ייִד האָט נישט קיין געלט צו באַצאָלן די אַרענדע( 35- 40 ווערטער) <u>אַ מוז / חובה</u>

חלק ב׳ צווייטער טייל – ליטעראַטור - ספרות 30 נקודות

ענטפֿערן אין קורצן:

1. אויסרעכענען 10 בעלי-מלאָכות אין שטעטל.

______________________________________________
______________________________________________
______________________________________________
______________________________________________
______________________________________________

2. <u>מצוה הבאה לידך</u>

פֿאַר וואָס האָט זיך דער הייליקער ייטבֿ-לבֿ געיאָגט צו רופֿן דעם שמידער אין מיטן נאַכט?

______________________________________________
______________________________________________

3. <u>יידישע בעלי מלאָכות</u>

פֿון וואַנען האָבן בעלי-מלאָכות פרנסה אין אַ קליין שטעטל?

______________________________________________
______________________________________________

4. <u>שמואל דער וועקער</u>

ווי אַזוי ווײַזט זיך אַרויס זײַן מדת-היושר?

______________________________________________
______________________________________________

5. דער חדר

ווי אַזוי האָט דער נאַסודער רבֿ דערקלערט דעם רעגנדיקן טאָג אין חודש תמוז?

______________________________________________
______________________________________________

## חלק ג׳ -דריטער טייל- גראַמאַטיק/דקדוק 20 נקודות

פּראָנאָמען

1) <u>דערגאַנצן די פּראָנאָמען</u>

1) אני רואה אותה. - ________ זע ________
2) הוא מדבר אליו. - ________ רעדט צו ________
3) אנו זוכרים אותם. - ________געדענקען ________
4) אפשר להכנס? - ________ קען אַרײַנקומען?
5) אתמול קנו חלב. – נעכטן האָט ________ געקויפֿט מילך..

**2)** <u>וואָרצל – אינפֿיניטיוו</u>

<u>אָנשרײַבן דעם וואָרצל און דעם אינפֿיניטיוו</u>

| | וואָרצל | אינפֿינטיוו |
|---|---|---|
| איר נעמט | ________ | ___________ |
| ער זינגט | _________ | ___________ |
| זי שרײַט | __________ | ___________ |
| דו עפֿנסט | ___________ | ___________ |

3) <u>די איצטיקע צייט</u>

1. <u>דערגאַנצן אין איצטיקער צײַט</u>

פֿאַרגעסן – דו ______ קיין מאָל נישט!

גיין- מיר __________שפּאַצירן.

2. <u>איבערזעצן</u>

לרצות _____ הוא רוצה ________ אתם רוצים ________

לדעת ________ אני יודע ________ אנו יודעים ________

3. <u>איבערשרײַבן אין איצטיקער צייט</u>

זיי האָבן געגנייט. ______________________________

דו האָסט געטאָן אַ מיצווה. ______________________________

4) <u>פעלים עם תחיליות – פּרעווערבן און פּרעפֿיקסן</u>

דערגאַנצן – הווה :

דערמאַנען : איך __________

אײַנפּאַקן : איך __________

אויפֿשרײַבן : איך _________

פֿאַרמאַכן : איך __________

אָנשרײַבן דעם אינפֿיניטיוו :

1. איך לערן פֿאַר - ____________

דו באַקומסט - ____________

מיר הייבן אויף - ____________

זי באַגלייט - ________________

## חלק ד׳- פֿערטער טייל באָנוס : דערגאַנצן דאָס ליד

1. <u>אַ ליד</u>: אַ גוטע וואָך

דערגאַנצן

פֿרייליך לאָמיר ,

_________ גאָר שיין.

* * *

מיט אַ ניגון _________ _________

ווערט דאָרט _________ _________ _________.

* * *

און איצט _________ _________ _________ אַ נײַעם וואָך,

_________ _________ _________ _________, צוריק צו דער וועלט.

* * *

אויף מאַכן הייליק,

._________ _________ _________ _________

* * *

אַלע פוצן זיך אויס שיין,

._________ _________ _________ _________ _________

* * *

די וואָך איז דאָך _________ _________ _________

קומט שבת- קודש,

._________ _________